# גליון בת עין

דבר השווה לכל נפש

אידיש

גליון סד • שנה ב

פרשת נח

תשפ"ה


## פארווארט

דער טאשער רבי זצ"ל האט פארציילט אז הרה"ק ר' אייזיקל מקאמארנא זי"ע פלעגט זאגן אז ווען ער זעהט אז מען דארף צורייסן א גזירה אויבן אין הימל האט ער געבעטן הילף פון צדיקים אין הימל, איינמאל האט ער געטראפן אין הימל שם בן נח און ער האט אים געבעטן זיין הילף און האט אים צוגעזאגט אז די ערשטע אייניקל וואס ער וועט האבן די יאר וועט ער א נאמען געבן נאך אים.

און טאקע יענע יאר איז אים געבוירן געווארן זיין איר אייניקל הרה"ק ר' שם קלינגבערג הי"ד דער זאלושיצער רבי וואס האט סוף ימיו געוואוינט אין קראקא און געווען באקאנט אלץ א גרויסער פעל ישועות און ער האט אים געגעבן די נאמען נאך שם בם נח.

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין אונז געבן א הדרכה געבויעט אויף די פסוק פון אלה תולדות נח וכו', אונז זענען גאר ווייט צו פארשטיין ווי אזוי אנצוקמען צו שם בן נח, אבער דורך לערנען די הייליגע ווערטער פונעם בת עין און זיך מדבק זיין אין די דרך וואס ער איז מרמז אין זייערע נעמען קענען אונז כאטש האבן עפעס א קשר מיט אלה תולדות נח.

## פרשת נח

## תוכן הדרוש

[א]
לשון הפסוק. / צו פארשטיין די הייליגע ווערטער פון רש"י. / די גאנצע מעשה פון נח איז א חיזוק פאר אונז אין גלות און לערנט אונז צו האפן פאר משיח.

[ב]
פשט אינעם פסוק: וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ - וכל יצר מחשבת לבו רק רע כל היום. / די גוים טראכטן נאר שלעכטס אויף די יודן. / פשט אין די פסוק וינחם השם כי עשה את האדם וכו' - כי נחמתי כי עשיתם. / פשט אין די פסוק 'ונח מצא חן בעיני השם'.

[ג]
די פרשה פון די תיבה איז מרמז אויף ביאת המשיח. / ווי אזוי קען זיין אז משיח זאל קומען אין א דור שכולו חייב. / פשט אין רש"י'ס ווערטער 'יש דורשים לשבח'. / פשט אין רש"י'ס ווערטער 'יש דורשים לגנאי'. די מוסר וואס אונז דארפן ארויסלערנען פון יש דורשים לשבח ויש דורשים לגנאי.

### [א]

### לשון הפסוק

**אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק כּוּ**[א]. און דאס זענען די קינדער פון נח – נח איז געווען א מאן א צדיק.

---

א. אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ.

ווי דערמאנט פארגאנגענעם יאר איז אזוי ווי די תורה איז זייער א לאנגע תורה האבן אונז צוטיילט די תורה אין צוויי ענינים.

צום ערשט (1) איז דער בת עין מסביר אז די מעשה פון נח און די תיבה איז מרמז צו תשובה. און דערנאך (2) איז דער בת עין מסביר די לימוד פון נח און די תיבה וואס איז מרמז צו ביאת המשיח.

די ערשטע חלק ווי עס ווערט נתבאר די בחינה פון תשובה טייטשט דער בת עין אריין אין די ערשטע פסוק פון די פרשה פון 'אלה תולדות נח', די אנדערע בחינה און די לימודים וועגן ביאת משיח טייטשט דער בת עין אין די הייליגע ווערטער פון רש"י 'יש דורשים לגנאי'.

אזוי ווי די גליון איז געאייניגט פאר יונגער בחורים האבן מיר עס צוטיילט און פאר א יאר האבן אונז איבערגעארבעט די ערשטע חלק וועגן תשובה, און יעצט האבן אונז איבערגעארבעט די צווייטע חלק אז די תיבה איז מרמז צו ביאת המשיח און עס געמאכט פאר א באזונדערע תורה.

## צו פארשטיין די הייליגע ווערטער פון רש״י

**בְּפֵירוּשׁ רַשִׁ״י יֵשׁ מֵרַבּוֹתֵינוּ דּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לְשֶׁבַח וְיֵשׁ דּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לִגְנַאי וְגוֹ׳**[ב]. רש״י טייטשט אז ס׳איז דא פון אונזערע רבי׳ס וואס דרש׳ענען נח צו לויב און ס׳איז דא וואס דרש׳ענען אים צו שאנד.

**וְיֵשׁ לְהָבִין הָאֵיךְ יִתָּכֵן לִדְרוֹשׁ לִגְנַאי בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ לִדְרוֹשׁ לְשֶׁבַח** מען דארף פארשטיין ווי אזוי איז שייך אויסטייטשען נח צו שאנד ווען אין די זעלבע צייט קען מען אים אויסטייטשען צו לויב.

## די גאנצע מעשה פון נח איז א חיזוק פאר אונז אין גלות און לערנט אונז צו האפן פאר משיח

**וְהִנֵּה כָּל עִנְיַן נֹחַ הוּא רֶמֶז לְמָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ שֶׁיָּבֹא בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן** און די גאנצע ענין פון נח איז א רמז אויף משיח צדקינו וואס זאל שנעל קומען אין אונזערע טעג.

**וּכְמַאֲמַר חֲזַ״ל** (אבות פ״ה מ״ב) **עֲשָׂרָה דּוֹרוֹת מֵאָדָם וְעַד נֹחַ** אזוי ווי חז״ל זאגען אז צעהן דורות זענען געווען פון אדם הראשון ביז נח, **שֶׁכּוּלָּם הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין עַד שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל** וואס די אלע 10 דורות האבען דערצערנט דעם באשעפער ביז ער האט געברענגט אויף זיי די מבול, **לְהוֹדִיעַ כַּמָּה אֶרֶךְ אַפַּיִם לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ** כדי דיר צו וויסען טאהן וויפיל השי״ת האט איינגעהאלטן זיין צארן.

**וּבְתוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב פֵּירֵשׁ בְּשֵׁם הָרַב רַבֵּינוּ יוֹנָה** (בפירושו לפרקי אבות כאן) און אין תוספות יום טוב ברענגט ער א פשט בשם רבינו יונה, **שֶׁמּוֹדִיעַ שֶׁכְּמוֹ שֶׁלְּבַסּוֹף גְּמוּלָם שִׁלֵּם לָהֶם שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל** אז די משנה וויל דיר געבן צו וויסען אז אזוי ווי אונז זעהן אז צום סוף האט השי״ת זיי באצאהלט זייער פארדינטע באצאהלונג און ער האט געברענגט אויף זיי די מבול, **כָּךְ עוֹד הִנֵּה יָמִים בָּאִים כּוּ׳ וְיוֹשִׁיעֵנוּ וְיִגְאָלֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן** אזוי דארפן אונז גלייבן אז עס וועט נאך קומען גוטע טעג און השי״ת וועט אונז בקרוב העלפן און אויסלייזען פון גלות - אמן, **עַד כָּאן לְשׁוֹנוֹ** ביז דא איז די לשון פונעם תוספות יום טוב.

**הַיְינוּ שֶׁבָּזֶה רָמַז לָנוּ הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא עִנְיַן הַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה** דאס מיינט אז מיט דעם וואס השי״ת האט געוואָרט די 10 דורות ביז נח איז געקומען אויף די וועלט האט דער באשעפער אונז מרמז געווען א זאך וועגן די ביטערע גלות, **שֶׁהָאוּמּוֹת עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים מְרֵיעִים לָנוּ וּמַכְעִיסִים לְפָנָיו** אז דאס וואס די גוי׳אישע פעלקער טוהן אונז שלעכטס און דערמיט טוען זיי דערצערנען דעם באשעפער, **עַד שֶׁיָּבֹא נֹחַ**, דאס איז נאר ביז עס וועט קומען ׳נח׳, **בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** וואס ׳נח׳ מיינט די בחינה פון תשובה, **שֶׁיָּשׁוּבוּ יִשְׂרָאֵל לַה׳ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה** אז די יודען זאלען תשובה טאהן פארן באשעפער מיט א גאנצע תשובה[ג].

בְּפֵירוּשׁ רַשִׁ״י, יֵשׁ מֵרַבּוֹתֵינוּ דּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לְשֶׁבַח וְיֵשׁ דּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לִגְנַאי וְגוֹ׳. וְיֵשׁ לְהָבִין הָאֵיךְ יִתָּכֵן לִדְרוֹשׁ לִגְנַאי בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ לִדְרוֹשׁ לְשֶׁבַח.

וְהִנֵּה כָּל עִנְיַן נֹחַ הוּא רֶמֶז לְמָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ שֶׁיָּבֹא בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

וּכְמַאֲמַר חֲזַ״ל (אבות פ״ה מ״ב) עֲשָׂרָה דּוֹרוֹת מֵאָדָם וְעַד נֹחַ, שֶׁכּוּלָּם הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין עַד שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה אֶרֶךְ אַפַּיִם לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ.

וּבְתוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב פֵּירֵשׁ בְּשֵׁם הָרַב רַבֵּינוּ יוֹנָה (בפירושו לפרקי אבות כאן), שֶׁמּוֹדִיעַ שֶׁכְּמוֹ שֶׁלְּבַסּוֹף גְּמוּלָם שִׁלֵּם לָהֶם שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל, כָּךְ עוֹד הִנֵּה יָמִים בָּאִים כּוּ׳ וְיוֹשִׁיעֵנוּ וְיִגְאָלֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן, עַד כָּאן לְשׁוֹנוֹ[א].

הַיְינוּ שֶׁבָּזֶה רָמַז לָנוּ הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא עִנְיַן הַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה, שֶׁהָאוּמּוֹת עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים מְרֵיעִים לָנוּ וּמַכְעִיסִים לְפָנָיו, עַד שֶׁיָּבֹא נֹחַ, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, שֶׁיָּשׁוּבוּ יִשְׂרָאֵל לַה׳ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

א. זה לשון רבינו יונה שם: ׳עשרה דורות מאדם ועד נח להודיע כמה ארך אפים לפניו שבכל הדורות היו מכעיסין אותו עד שהביא עליהם את מי המבול׳. ובא ללמדנו כי כאשר אתה רואה בדורות שבין אדם הראשון לנח שכולם הכעיסוהו במעשי ידיהם לרע להם, והאריך אפו כל אותם הדורות, ולסוף הביא עליהם את מי המבול, כי לא לעולם מאריך אפו. כן תחשוב בגלותינו, לבל תאמר, כמה ימים ושנים כי השיב חמתו מעל מלכות הרשעה ואנחנו בגלות, לעולם יאריך להם אפו כי ארך אפים הוא, וידוע תדע כי בסוף ישלם להם כפעלם וכמעשה ידיהם ויגאלנו ויושיענו, כי ארך אפים גדול הוא, אך באחרית הימים פוקד עונות ראשונים ומהר יקדמונו רחמיו כי דלינו מאד.

ב. אין די דרוש גייט די בת עין קודם מסביר זיין די ווערטער פון רש״י פון ׳יש דורשים לשבח ויש דורשים לגנאי׳, און בהמשך הדרוש וועט דער בת עין צוריקומען און מפרש זיין די ערשטע פסוק פון אלה תולדות נח וכו׳.

ג. און ווי עס איז אויבן דערמאנט אז ווען יודן טוען תשובה און האבן חרטה אויף די נישט גוטע מעשים דעמאלסט האט אויך דער באשעפער חרטה אויף די גלות און יסורים וואס די גוים טוען פאר די יודן.

**וְאָז 'וַיַּרְא ה' כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם'**[ב]**, פֵּירוּשׁ הָאָדָם** (בְּהֵ"א) **הַיְינוּ הָעוֹבְדֵי כוֹכָבִים, כִּי יִשְׂרָאֵל קְרוּיִין אָדָם** (בְּלֹא הֵ"א)[ג]**, הַיְינוּ שֶׁעוֹבְדֵי כוֹכָבִים מְרִיעִים לְיִשְׂרָאֵל.**

**'וְכָל מַחְשְׁבוֹת לִבָּם' שֶׁל הָעוֹבְדֵי כוֹכָבִים 'רַק רַע כָּל הַיּוֹם' עַל יִשְׂרָאֵל, כִּי בְּמֵזִיד הֵמָּה עוֹשִׂים, כְּמַאֲמַר** (נחמי' ט, י) **'כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם'.**

**הַיְינוּ שֶׁלָּזֶה נֶעֶנְשׁוּ הַמִּצְרִים בְּעוֹנֶשׁ גָּדוֹל כָּל כָּךְ, אַף עַל פִּי שֶׁמֵּה' הָיְתָה הַגְּזֵירָה עַל יִשְׂרָאֵל 'כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ' וְגוֹ'** (בראשית טו, יג)**, וְאַף עַל פִּי כֵן נֶעֶנְשׁוּ, מֵחֲמַת 'כִּי הֵזִידוּ', פֵּירוּשׁ שֶׁהֵמָּה עָשׂוּ בְּמֵזִיד מִדַּעְתָּם**[ד]**.**

---

ב. לשון הפסוקים: 'וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ וכל יצר מחשבת לבו רק רע כל היום, וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו, ויאמר ה' אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה מאדם עד בהמה עד רמש ועד עוף השמים כי נחמתי כי עשיתים, ונח מצא חן בעיני ה''.

ג. יבמות סא, א. ובתוס' שם ד"ה ואין העובדי: ור"ת מפרש דיש חילוק בין אדם להאדם, דעובדי כוכבים בכלל האדם נינהו.

ד. עיין רמב"ן שמות יח, יא: מפני שהשם גזר על ישראל 'ועבדום וענו אותם' (בראשית טו, יג), ולא היה על המצרים בזה העונש הגדול, אבל הזידו עליהם וחשבו להכרית אותם מן העולם, כמו שאמר (שמות א, י) 'הבה נתחכמה לו פן ירבה', וצוה למילדות להמית הבנים, וגזר עליהם כל הבן הילוד היאורה תשליכהו (שם פסוק כב), ומפני זה היה עליהם העונש המשחית אותם לגמרי וכו'.

[ב]

## פשט אינעם פסוק: וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ - וכל יצר מחשבת לבו רק רע כל היום

**וְאָז 'וַיַּרְא ה' כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם'**[ד] און די פסוק זאגט אונז אז דעמאלסט 'ווען דער באשעפער האט געזעהן אז ס'פארמערט זיך די שלעכטס פונעם מענטש'.

**פֵּירוּשׁ הָאָדָם בְּהֵ"א**[ה] **הַיְינוּ הָעוֹבְדֵי כוֹכָבִים** דאס מיינט ווי די תורה שרייבט דאסווארט 'האדם' מיט א 'ה' וואס מיינט די גויים, **כִּי יִשְׂרָאֵל קְרוּיִין אָדָם בְּלֹא הֵ"א**[ו] ווייל יודען ווערן אנגערופען 'אדם' אן א 'ה'.

**הַיְינוּ שֶׁעוֹבְדֵי כוֹכָבִים מְרִיעִים לְיִשְׂרָאֵל** דאס מיינט די פסוק 'כי רבה רעת האדם' אז ס'פארמערט זיך די שלעכטס וואס די גוים טוען פאר די יודען.

**'וְכָל מַחְשְׁבוֹת לִבָּם' שֶׁל הָעוֹבְדֵי כוֹכָבִים**[ז] און די פסוק איז ממשיך 'און אלע זייערע טראכטונגען' דאס מיינט די טראכטונגען פון די גוים, **'רַק רַע - כָּל הַיּוֹם' עַל יִשְׂרָאֵל** איז זיי טראכטן אז ס'זאל זיין נאר שלעכטס – א גאנצן טאג - אויף די יודן.

## די גוים טראכטן נאר שלעכטס אויף די יודן

**כִּי בְּמֵזִיד הֵמָּה עוֹשִׂים** ווייל די גוים טועהן אלעס במזיד מיט זייער מחשבה, **כְּמַאֲמַר** (נחמי' ט, י) **'כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם'** אזוי ווי אונז זעהן ווי דער נביא זאגט אויף די מצרים 'אז זיי האבן אלעס געטאהן במזיד'.

**הַיְינוּ שֶׁלָּזֶה נֶעֶנְשׁוּ הַמִּצְרִים בְּעוֹנֶשׁ גָּדוֹל כָּל כָּךְ** דאס מיינט אז וועגן דעם האבען די מצריים באקומען אזא גרויסע עונש, **אַף עַל פִּי שֶׁמֵּה' הָיְתָה הַגְּזֵירָה עַל יִשְׂרָאֵל 'כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ' וְגוֹ'** (בראשית טו, יג) וואס כאטש דאס איז דאך געווען די גזירה פון באשעפער אויף די יודען אזוי ווי די פסוק זאגט אז השי"ת האט געזאגט פאר אברהם אבינו 'אז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין א אנדערע לאנד און מען וועט זיי מאכן ארבעטן און זיי פייניגען', **וְאַף עַל פִּי כֵן נֶעֶנְשׁוּ** און פון דאס וועגן דאך זענען די מצרים באשטראפט געווארן.

**מֵחֲמַת 'כִּי הֵזִידוּ'** ווי די פסוק 'ווייל זיי האבען געטאהן במזיד', **פֵּירוּשׁ שֶׁהֵמָּה עָשׂוּ בְּמֵזִיד מִדַּעְתָּם** דאס מיינט אז די מצרים האבען געטאהן און געטראכט די שלעכטס פאר די יודען פון זייער אייגענע ווילען[ח].

---

ד. אונז וועלן דא אראפברענגען די גאנצע פסוק וואס דער בת עין גייט יעצט טייטשען: **וַיַּרְא ד' כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם בָּאָרֶץ** וְכָל יֵצֶר מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ רַק רַע כָּל הַיּוֹם.

ה. ווי די פסוק זאגט כי רבה רעת ה'אדם (ס'שטייט נישט **אָדָם** - נאר **הָאָדָם**).

ו. אין מס' יבמות (סא, א) זאגט תוס' (ד"ה ואין העובדי) אין נאמען פון רבינו תם אז ס'איז דא א חילוק ווען די פסוק זאגט 'אדם' אדער 'האדם', ווייל 'אדם' מיינט די יודן, און 'האדם' מיינט אויך די גוים.

ז. ווי די אויבנדערמטנאע פסוק ענדיגט צו **וְכָל יֵצֶר מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ רַק רַע כָּל הַיּוֹם** – אז אלע זיינע טראכטונגען פונעם מענטש איז נאר שלעכטס אגאנצן טאג. יעצט גייט די בת עין זיין מסביר די פסוק אז ס'גייט ארויף אויף די גוים, 'וכל מחשבות לבו' אז אלעס וואס די גוי טראכט, 'רק רע - כל היום' אז זיי זאלן קענען טאהן שלעכטס פאר די יודן אגאנצן טאג.

ח. אזוי שרייבט דער רמב"ן (שמות יח, יא) אז דער באשעפער האט גוזר געווען אויף די יודן 'ועבדום וענו אותם' (בראשית טו, יג), אז 'מען זאל זיי מאכן ארבעטן און פייניגן' און דעמאלסט וואלט ווען נישט געווען אזא גרויסע עונש אויף די מצרים, ווייל זיי טוען דאך וואס דער אייבישטער האט גוזר געווען, אבער די מצרים האבן געטאהן 'במזיד' זיי האבן געטראכט צו פארשניידן דאס יודישע פאלק פון די וועלט, און פרעה האט געהייסן די הייבאמ'ס צו הארגענען די יודישע קינדער, און וועגן דעם איז זיך געקומען אויף זיי אזא גרויסע עונש.

## פשט אין די פסוק וינחם השם כי עשה את האדם וכו' - כי נחמתי כי עשיתם

**וְסוֹבְרִים בְּדַעְתָּם שֶׁיִּהְיֶה הָרַע 'כָּל הַיּוֹם'** און אזוי אויך די היינטיגע גוים מיינען אז די שלעכטס וועט זיין א 'גאנצן טאג', **הַיְינוּ תָּמִיד יִהְיֶה הָרָעוֹת חָס וְשָׁלוֹם**[ט] דאס מיינט אז די גוים מיינען אז שטענדיג וועט חס ושלום זיין די שלעכטס פאר די יודען.

**לָכֵן וַיִּנָּחֶם ה' כִּי עָשָׂה וְגוֹ'**[י] און דארפאר זאגט די פסוק 'אז דער באשעפער האט חרטה געהאט פארן באשאפן דעם מענטש - די גוים, **כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם'** און די פסוק ענדיגט 'ווייל איך האב חרטה אז איך האב זיי געמאכט' – דאס מיינט אז השי"ת זאגט אז ער אליין (כביכול) האט אויך חרטה אויף די יסורים וואס ער האב געמאכט'[יא].

**פֵּירוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת תְּשׁוּבָה נִתְעוֹרֵר בְּחִינַת חֲרָטָה כִּבְיָכוֹל לְעֵילָא** דאס מיינט ווייל דורך די בחינת תשובה וואס די יודן טוען ווערט נתעורר אויבן אין הימל ביים באשעפער די בחינת חרטה אויף די גרויסע צרות וואס די יודן ליידן דא אין גלות.

וְסוֹבְרִים בְּדַעְתָּם שֶׁיִּהְיֶה הָרַע 'כָּל הַיּוֹם', הַיְינוּ תָּמִיד יִהְיֶה הָרָעוֹת חָס וְשָׁלוֹם[ה].

לָכֵן 'וַיִּנָּחֶם ה' כִּי עָשָׂה וְגוֹ' כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם', פֵּירוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת תְּשׁוּבָה נִתְעוֹרֵר בְּחִינַת חֲרָטָה כִּבְיָכוֹל לְעֵילָא.

וּמְסַיֵּים הַכָּתוּב 'וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'', פֵּירוּשׁ שֶׁכָּל בְּחִינַת נֶחָמָה הַמְּבוֹאָר בַּפָּסוּק, תִּהְיֶה עַל יְדֵי בְּחִינַת נֹחַ, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה.

הוּא אֲשֶׁר 'מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'', פֵּירוּשׁ שֶׁמָּצָא בְּחִינַת פְּקִיחָא דְּעֵיְינִין, שֶׁנֶּאֱמַר (דניאל ט, יח) 'פְּקַח עֵינֶיךָ וּרְאֵה'[ו].

ה. ר"ל לעולם ועד, שסוברים אומות העולם שלעולם להם יאריך אפו, וכדברי הרבינו יונה.

ו. עיין זוה"ק ח"ב סח, ב [עם ביאור מתוק מדבש]: ההוא היכלא אתחפייא בשית יריען [זה ההיכל שהוא אימא מתכסה ומתלבש בשש יריעות שהם הששה קצוות דז"א], אינון שית יריען אינון חמש, לגו בגו אינון יריען קיימא חד יריעה מרקמא, בההוא יריעה אתחפייא ההוא היכלא [בזאת היריעה שהיא החסד מתכסה ומתלבש זה ההיכל שהוא אימא], מניה אשגח וחמא לכלא [ועל ידו אימא משגחת ורואה ומאירה לכל התחתונים], האי היכלא איהו פקיחא דעיינין דלא ניים [זה ההיכל שהוא אימא היא בפקיחת עינים ואינה ישנה], איהו אשגח תדיר לאנהרא לתתא [לפי שהיא משגחת תמיד להאיר אל התחתונים]. וראה עוד זוה"ק ח"ג קכב, א: דא היא מצות תשובה, ודא איהי בינה.

## פשט אין די פסוק 'ונח מצא חן בעיני השם'

**וּמְסַיֵּים הַכָּתוּב 'וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה''** און די לעצטע פסוק אין פרשת בראשית ענדיגט צו די תורה 'ונח מצא חן בעיני ה'' - אז 'נח האט געטראפען ליבשאפט אין די אויגען פון דעם באשעפער'.

**פֵּירוּשׁ שֶׁכָּל בְּחִינַת נֶחָמָה הַמְּבוֹאָר בַּפָּסוּק** דאס מיינט אז די גאנצע בחינה וואס דער באשעפער האט חרטה אויף די יסורים וואס אונז האבן, **תִּהְיֶה עַל יְדֵי בְּחִינַת נֹחַ** וועט זיין דורך די בחינה פון 'נח', **בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** וואס 'נח' מיינט די בחינה פון תשובה.

**הוּא אֲשֶׁר 'מָצָא חֵן - בְּעֵינֵי ה''** דאס איז די בחינה פון תשובה 'וואס האט געטראפן חן אין עיני ה' - די אויגן פון באשעפער', **פֵּירוּשׁ שֶׁמָּצָא בְּחִינַת פְּקִיחָא דְּעֵיְינִין**[יב] דאס מיינט אז ער האט געטראפן די בחינה פון תשובה וואס ווערט אנגערופן אויבן אין הימל די היכל פון 'פקיחא עיינין' וואס די בחינה איז כסדר משפיע אויף די וועלט, **שֶׁנֶּאֱמַר** (דניאל ט, יח) **'פְּקַח עֵינֶיךָ וּרְאֵה'**[יג] וואס די היכל איז מרומז אין די פסוק וואס דניאל האט געזאגט 'מאך אויף דיינע אויגן און זעה'.

ט. די ווערטער פונעם פסוק 'כל היום' מיינט 'שטענדיג', אויף אייביג. דאס מיינען די גוים ווילען פון זייער אייגענע ווילען אז ס'זאל זיין שלעכטס פאר די יודען.

י. אונז וועלן יעצט אראפברענגען די פסוק און מדגיש זיין די ווערטער וואס דער דער בת עין גייט יעצט טייטשען: **וַיִּנָּחֶם ד' כִּי עָשָׂה אֶת הָאָדָם בָּאָרֶץ וַיִּתְעַצֵּב אֶל לִבּוֹ.** וַיֹּאמֶר ד' אֶמְחֶה אֶת הָאָדָם אֲשֶׁר בָּרָאתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה מֵאָדָם עַד בְּהֵמָה עַד רֶמֶשׂ וְעַד עוֹף הַשָּׁמָיִם כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם.

יא. די ווארט 'כי עשיתם' גייט נישט ארויף אויפן מענטש, נאר ס'מיינט אויף די גלות און יסורים וואס השי"ת האט געברענגט אויף אונז, און אויף דאס זאגט די פסוק אז השי"ת האט חרטה פארן עס ברענגען אויף אונז.

יב. אין זוהר הקדוש (זוה"ק ח"ב סח, ב) איז מבואר אז די בחינה פון תשובה איז אין א היכל וואס ווערט אנגערופן 'פקיחא דעיינין' אז ס'ווערט קיינמאל נישט פארמאכט נאר איז כסדר משפיע אויף די וועלט.

יג. אין פסוק דארט בעט דניאל פון באשעפער אויף די בנין בית המקדש און זאגט 'הטה אלהי אזנך ושמע, **פקח עיניך** וראה שממתינו והעיר אשר נקרא שמך עליה', וואס ס'מיינט אז דער באשעפער זאל אננעמען אונזער תשובה מיט זיין כח פון 'פקח עיניך'.

וְזֶהוּ שֶׁאָמַר ה' לְנֹחַ לַעֲשׂוֹת אֶת הַתֵּיבָה, מְרַמֵּז לְמָשִׁיחַ.

הַיְינוּ שֶׁהָיָה 'שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אַמָּה אוֹרֶךְ הַתֵּיבָה' מְרַמֵּז לְאוֹת שִׁי"ן שֶׁל מָשִׁיחַ.

'חֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבָּהּ' מְרַמֵּז לְאוֹתִיּוֹת מ"י שֶׁל מָשִׁיחַ.

וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה קוֹמָתָהּ מְרַמֵּז לְאוֹת ח' שֶׁל מָשִׁיחַ וְהֶאָרַת כ"ב אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה שֶׁיָּאִירוּ עָלֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

הַיְינוּ כ"ב אוֹתִיּוֹת וְאוֹת ח' שֶׁל מָשִׁיחַ גִּימַטְרִיָּא שְׁלֹשִׁים.

וְכָל הָעִנְיָן שֶׁל נֹחַ וְתֵיבָה מְרַמֵּז לִבְחִינַת תְּשׁוּבָה וּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ[ז], כִּי הַכֹּל תָּלוּי בִּתְשׁוּבָה.

וְאַף עַל פִּי כֵן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (סנהדרין צח.) אֵין בֶּן דָּוִד בָּא אֶלָּא עַד שֶׁיִּהְיֶה הַדּוֹר כּוּלּוֹ זַכַּאי אוֹ כּוּלּוֹ חַיָּיב.

אָמְנָם מִי שֶׁיִּהְיֶה זַכַּאי יִהְיֶה לוֹ בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ לִתְהִלָּה וּלְתִפְאֶרֶת, אֲבָל מִי שֶׁיִּהְיֶה חַיָּיב יִהְיֶה לוֹ לְדֵרָאוֹן וּלְבִזָּיוֹן, וְיִסְבּוֹל יִיסּוּרִים עַד שֶׁיִּזְדַּכֵּךְ שֶׁיּוּכַל לְקַבֵּל אוֹר הַמָּשִׁיחַ.

ז. ראה עוד תיקו"ז כב, א: דאתמר בה 'ויפתח נח את חלון התיבה אשר עשה' ודא יום הכפורים, דתיבת נח היא אימא עלאה, חלון דילה הוא עמודא דאמציעתא דביה אור ותורה אור. והרי אין ישראל נגאלין אלא בתשובה (סנהדרין צז, ב) וכמו שסיים רבינו כי הכל תלוי בתשובה.

[ג]

## די פרשה פון די תיבה איז מרמז אויף ביאת המשיח

**וְזֶהוּ שֶׁאָמַר ה' לְנֹחַ לַעֲשׂוֹת אֶת הַתֵּיבָה** און דאס איז וואס דער אייבישטער האט געזאגט נח צו מאכען די תיבה, **מְרַמֵּז לְמָשִׁיחַ** וואס די תיבה איז מרמז צו משיח.

**הַיְינוּ שֶׁהָיָה 'שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אַמָּה אוֹרֶךְ הַתֵּיבָה'** וואס דאס וואס די תיבה איז געווען דריי הונדערט איילען, **מְרַמֵּז לְאוֹת שִׁי"ן שֶׁל מָשִׁיחַ** וואס די לענג איז מרמז צו די 'ש' פון דיווארט משיח.

**'חֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבָּהּ' מְרַמֵּז לְאוֹתִיּוֹת מ"י שֶׁל מָשִׁיחַ** און דאס וואס די תיבה איז געווען פופציג איילען ברייט איז מרמז צו די 'מי' פון 'משיח'.

**וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה קוֹמָתָהּ מְרַמֵּז לְאוֹת ח' שֶׁל מָשִׁיחַ וְהֶאָרַת כ"ב אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה שֶׁיָּאִירוּ עָלֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ** און דאס וואס די תיבה איז געווען דרייסיג איילען הויעך איז מרמז אויף די 'ח' פון משיח וואס צוזאמען מיט די ליכטיגקייט - וואס אונז זאלן בקרוב זוכה זיין עס צו זעהן - פון די צוויי און צוואנציג אותיות התורה איז עס בגמטריא דרייסיג, **הַיְינוּ כ"ב אוֹתִיּוֹת וְאוֹת ח' שֶׁל מָשִׁיחַ גִּימַטְרִיָּא שְׁלֹשִׁים** דאס מיינט אז די צוויי און צוואנציג **אותיות מיט די 'ח' פון די ווארט 'משיח' זענען צוזאמען בגימטריא דרייסיג** (30).

## ווי אזוי קען זיין אז משיח זאל קומען אין א דור שכולו חייב

**וְכָל הָעִנְיָן שֶׁל נֹחַ וְתֵיבָה מְרַמֵּז לִבְחִינַת תְּשׁוּבָה וּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ** און די גאנצע פרשה פון נח און די תיבה איז מרמז אויף די ענין פון תשובה און אויף ביאת המשיח, **כִּי הַכֹּל תָּלוּי בִּתְשׁוּבָה** ווייל אלעס ווענדט זיך אין תשובה.

**וְאַף עַל פִּי כֵן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (סנהדרין צח.) **אֵין בֶּן דָּוִד בָּא אֶלָּא עַד שֶׁיִּהְיֶה הַדּוֹר כּוּלּוֹ זַכַּאי אוֹ כּוּלּוֹ חַיָּיב** און פון דאס וועגן דאך (וואס אונז האבען געזאגט אז דאס קומען פון משיח ווענדט זיך אין תשובה) האבען חז"ל געזאגט אז משיח וועט נישט קומען נאר אין א דור וואס וועט זיין איגאנצען גערעכט (ערליך) אדער אין א דור וואס דער גאנצע דור וועט זיין שולדיג[יד].

**אָמְנָם מִי שֶׁיִּהְיֶה זַכַּאי יִהְיֶה לוֹ בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ לִתְהִלָּה וּלְתִפְאֶרֶת** טאקע ווער עס וועט זיין ערליך וועט דאס קומען פון משיח זיין פאר אים צו לויב און צו שיינקייט.

**אֲבָל מִי שֶׁיִּהְיֶה חַיָּיב יִהְיֶה לוֹ לְדֵרָאוֹן וּלְבִזָּיוֹן** אבער ווער עס וועט זיין שולדיג און נישט זיין ראוי צו זעהן ביאת המשיח וועט דאס ביאת המשיח זיין צו אים פאר בושה און ווייטאג, **וְיִסְבּוֹל יִיסּוּרִים עַד שֶׁיִּזְדַּכֵּךְ שֶׁיּוּכַל לְקַבֵּל אוֹר הַמָּשִׁיחַ** און ער וועט ליידען יסורים ביז ער וועט ווערן אויסגעלייטערט אז ער זאל קענען מקבל זיין די ליכטיגקייט פון משיח[טו].

יד. און לכאורה ווי אזוי קען עס זיין אז משיח זאל קומען ווען די גאנצע דור איז שולדיג ?

טו. דער בת עין איז דא מסביר אז אוודאי מוז מען תשובה טאהן כדי זוכה זיין צו משיח, נאר דאס וואס חז"ל זאגן אונז אז משיח קען אויך קומען אין א דור וואס איז כולו חייב מיינט צו זאגן אז זיי וועלן מוזן ליידן גרויסע בזיונות און יסורים כדי צו תשובה טאהן און זוכה זיין צו קענען זעהן די אור פון משיח.

## פשט אין רש"י'ס ווערטער 'יש דורשים לשבח'

**וְזֶהוּ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י 'יֵשׁ שֶׁדּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לְשֶׁבַח'** און דאס איז וואס רש"י זאגט 'סאיז דא וואס טייטשען נח צו לויב', **הַיְינוּ שֶׁשְּׁנֵי מִינֵי דּוֹרְשִׁים יֵשׁ בְּיִשְׂרָאֵל** דאס מיינט אז ס'איז דא צוויי פארשידענע בעטער'ס ביי די יודען.

**יֵשׁ שֶׁדּוֹרְשִׁים וּמְבַקְּשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים עַל בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ** ס'איז דא וואס דאווענען און בעטן אז משיח זאל קומען, **הַיְינוּ הַצַּדִּיקִים דּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לְשֶׁבַח** און דאס וואס ס'מיינט אז מען האט גע'דרשנט 'נח' צו לויב – וואס נח מיינט 'תשובה' און 'ביאת המשיח', **הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם לְשֶׁבַח וּלְתִפְאֶרֶת** דאס מיינט אז דאס קומען פון משיח וועט זיין צו זיי פאר א לויב און א שטאלץ, **וְיוּכְלוּ לְקַבֵּל אוֹר הַמָּשִׁיחַ** און זיי ווילן קענען מקבל זיין די ליכטיגקייט פון משיח.

וְזֶהוּ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י 'יֵשׁ שֶׁדּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לְשֶׁבַח', הַיְינוּ שֶׁשְּׁנֵי מִינֵי דּוֹרְשִׁים יֵשׁ בְּיִשְׂרָאֵל.

יֵשׁ שֶׁדּוֹרְשִׁים וּמְבַקְּשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים עַל בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, הַיְינוּ הַצַּדִּיקִים דּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ לְשֶׁבַח, הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם לְשֶׁבַח וּלְתִפְאֶרֶת, וְיוּכְלוּ לְקַבֵּל אוֹר הַמָּשִׁיחַ.

'וְיֵשׁ שֶׁדּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ' שֶׁיָּבֹא מָשִׁיחַ, אַף עַל פִּי שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם 'לִגְנַאי', שֶׁאֵינָם זַכָּאִים שֶׁיּוּכְלוּ לְקַבֵּל אוֹר הַמָּשִׁיחַ, וְיִהְיֶה לָהֶם לִגְנַאי חַס וְשָׁלוֹם.

וּבְזֶה מְרַמֵּז רַשִׁ"י זללה"ה שֶׁיִּתְאַמֵּץ כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְהָכִין אֶת עַצְמוֹ לְבִיאַת הַמָּשִׁיחַ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ לִגְנַאי חַס וְשָׁלוֹם, כִּי אִם לְשֶׁבַח וּלְתִפְאֶרֶת, כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.

## פשט אין רש"י'ס ווערטער 'יש דורשים לגנאי'

**'וְיֵשׁ שֶׁדּוֹרְשִׁים אוֹתוֹ' שֶׁיָּבֹא מָשִׁיחַ** און ס'איז דא וואס דרש'ענען 'נח' וואס מיינט זיי בעטן אז משיח זאל קומען, **אַף עַל פִּי שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם 'לִגְנַאי'** כאטש ס'וועט זיי זיין צו א שאנד, **שֶׁאֵינָם זַכָּאִים שֶׁיּוּכְלוּ לְקַבֵּל אוֹר הַמָּשִׁיחַ** ווייל זיי זענען נאכנישט גרייט צו מקבל זיין די ליכטיגקייט פון משיח, **וְיִהְיֶה לָהֶם לִגְנַאי חַס וְשָׁלוֹם** און ס'וועט זיי חס ושלום צו א שאנד[טז].

## די מוסר וואס אונז דארפן ארויסלערנען פון יש דורשים לשבח ויש דורשים לגנאי

**וּבְזֶה מְרַמֵּז רַשִׁ"י זללה"ה שֶׁיִּתְאַמֵּץ כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְהָכִין אֶת עַצְמוֹ לְבִיאַת הַמָּשִׁיחַ** און דאס איז וואס רש"י וויל אונז מרמז מיט זיינע הייליגע ווערטער 'יש דורשים לשבח ויש דורשים לגנאי' אז אונז קענען זיך אפלערנען און שטארקן צו זיין גרייט צו ביאת המשיח, **כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ לִגְנַאי חַס וְשָׁלוֹם** כדי ער זאל חס ושלום נישט זיין פון די וואס עס וועט אים זיין צו א שאנד, **כִּי אִם לְשֶׁבַח וּלְתִפְאֶרֶת** נאר די ביאת המשיח זאל אים זיין צו א לויב און א שטאלץ.

**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.**

טז. און מיט דעם איז פארענטפערט די קשיא פון בת עין ווי אזוי איז מעגליך אז מען זאל דרש'ענען נח צו שאנד (לגנאי) ווען מען קען דרש'ענען 'לשבח'? נאר יעצט איז עס פארשטענדליך, ווייל מען רעדט נישט עכט פון נח הצדיק, נאר 'נח' מיינט משיח, אז ס'איז דא צדיקים וואס בעטן פאר משיח אפילו זיי זענען נישט גרייט דערפאר און ס'וועט זיי זיין בושות.

**גליון פרשת נח נתנדב**
לע"נ הרה"ק **מ'ריבניץ** ר' **חיים זאנוויל** ב"ר **משה** זצ"ל

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com